שלמה סימאָן

# דער גורל פון אונדזערע ייִדישסטישע שולן

אַן אָפּדרוק פון „פרייע אַרבעטער שטימע“

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון

„טאָרטשינער וואָלינער יאָנג מענס אַסאָסיאיישאָן“ און
תנ״ך חברה ביי דער שלום עליכם פאָלקס שול נו׳ פופצן

תשט״ז — 1956

# דער איצטיקער מצב פון די שולן

צו קריגן אַן אמת בילד פון דעם מצב פון די יידישע שולן דאַרף מען ניט פאַרגלייכן די צאָל קינדער, וואָס גייען איצט אין די יידישע שולן מיט דער צאָל קינדער וואָס זיינען געגאַנגען אין די שולן צען, פופצן אָדער אַפילו צוואַנציק יאָר צוריק. די צאָל קינדער איז אפשר איצט ניט קלענער ווי מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק. און אויב מען זאָל עטוואָס אַ דריי טאָן די ציפערן, ווי סטאַטיסטיקער קענען, וועט אויסקומען, אַז היינט באַזוכט אַ גרעסערע צאָל קינדער די יידישע שולן ווי ווען עס איז. פאַרשטייט זיך, אַז דער סטאַטיסטיקער וועט ניט דערמאָנען קיין זונטאָג־שולן אָדער די שולן, וואָס געפינען זיך אין די פּאָבליק־סקולס בנינים.

דער אמתער מצב פון די שולן שפּיגעלט זיך אָפּ אין דער צאָל גראַדואַנטן סיי פון די פאָלקשולן און סיי פון די מיטלשולן.

לעצטן פרילינג האָבן גראַדואירט פון אַלע דריי טיפּן שולן: שלום־עליכם פאָלקשולן, פּרץ־שולן (אַרבעטער רינג) און פאָלקשולן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אַ סך־הכל ניט מער ווי אַרום 160 קינדער. אפשר מיט צען קינדער מער אָדער ווייניקער. אָבער דאָס איז אַלץ ניט די אמתע צאָל. אַ גרויסע צאָל גראַדואַנטן זיינען ניט געווען ראוי צו גראַדואירן. מע קאָן ערלעך אַראָפּנעמען אַ דריטל קינדער און נאָך מער, וואָס לויט זייערע ידיעות האָבן זיי ניט געטאָרט גראַדואירן. מע האָט זיי גראַדואירט ווייל זיי זיינען שוין צו אַלט צו באַזוכן אַ פאָלקשול, ווייל זיי זיינען געוואָרן בר מצווה, ווייל מען האָט זיי מער ניט געקאָנט איינהאַלטן אין שול, אָדער ווייל זיי האָבן שוין באַזוכט פיר יאָר די שול.

די צאָל קינדער אין אַלע דריי מיטלשולן גיט נאָך אַ בעסער בילד פון דער צאָל און קוואַליטעט פון אונדזערע גראַדואַנטן. אין אַלע דריי מיטלשולן געפינען זיך ניט מער ווי אַ הונדערט און פופציק אָדער אַ הונדערט און זעכציק קינדער. אפשר נאָך ווייניקער. די אַרבעטער רינג מיטלשול האָט אַרום אַכציק־ניינציק קינדער, אין די מיטלשולן פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט און נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד צו דרייסיק אָדער פינף און דרייסיק קינדער.

מע דאַרף געדענקען, אַז ביז מיט אַ צען יאָר צוריק האָט די אַרבעטער רינג מיטלשול געהאַט קרוב דריי הונדערט קינדער, די שלום־עליכם מיטלשול קרוב צוויי הונדערט קינדער און די מיטלשול פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד קרוב הונדערט קינדער.

דאָס רוב קינדער, וואָס באַזוכט איצט די וועלטלעכע יידישע שולן קומען פון היימען, וואו מע רעדט ניט קיין יידיש. די עלטערן, וואָס שיקן די קינדער אין אונדזערע שולן, האָבן ניט קיין באַציאונג צו יידיש ווי דאָס לשון, וואָס פאַרהוילט אין זיך די פאָלקס־קולטור (כ׳ווייס וועגן דער אַנקעטע, וואָס דער אַרבעטער רינג און דער שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט האָבן דורכגעפירט. ס׳איז אַ פאַרפלאָנטערטער ענין און די שלוסן, וואָס די לערערס האָבן גע־

מאַכט פון די ענטפערט זיינען ניט קיין באַרעכטיקטע). אַט דער נייער קאָנטינגענט עלטערן שיקן ניט די קינדער אין אַ יידישער פאָלקשול, וואָס שטעלט דעם טראָפּ אויף פאָלקס־קולטור, וואָס פאָדערט אַ געוויסע מאָס פון סעפּאַראַטיזם פון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער קולטור. זיי שיקן די קינדער אין אַ „היברו״, צו קריגן אַ לעק „דזשודאַאיזם״, יידישקייט. אויף די פּלאַקאַטן פון די וועלטלעכע שולן ווערן אויסגערעכנט די לימודים פון די פאָלקשולן: יידיש, יידישע געשיכטע, „בייבל״, בר־מצוה, געזאַנג, יידישע ידיעות א. א. וו. די עלטערן טייטשן אויס דאָס פּראָגראַם לויט זייער נייגונג און פאַרלאַנג.

דאָס רוב קינדער, כמעט אַלע, קומען ניט פון קיין יידיש ריידנדיקע היימען. אמת, דער קלאַנג פון יידיש לשון איז זיי ניט אַזוי פרעמד ווי, למשל, העברעאיש, אָבער דאָך קענען זיי ניט קיין יידיש. אין די ערשטע קלאַסן איז דאָס אָפיציעלע לשון ענגליש. אין די עלטערע קלאַסן איז ענגליש אויך אַ תושב. מע מוז אַוועקגעבן אַ סך צייט אין מי אויסצולערנען די קינדער פאַרשטיין יידיש, זיי אויסלערנען לייענען יידיש. אַפילו אין די פינף־טאָגיקע שולן לערנט מען מיט תלמידים ניט מער ווי פינף שעה אַ וואָך וואָס מיינט באמת נאָר פיר שעה. ווי אַזוי קאָן זיך אַ קינד אויסלערנען אין אַזאַ קורצער צייט ריידן און לייענען פריי יידיש און עס זאָל נאָך בלייבן צייט אויף עיקר לימודים?

איך רייד דאָ וועגן די פינף־טאָגיקע שולן. די דרייטאָגיקע, די שולן וואָס זיינען אין די פּאַבליק־סקולס זיינען אַן עניך פאַר זיך און איך וועל ריידן וועגן זיי באריכות שפּעטער.

קינדער וואָס קענען ניט קיין יידיש און קומען פון היימען וואו מען רעדט ניט קיין יידיש, האַלטן זעלטן אויס די פינף יאָר פון פאָלקשול. זיי דאַרפן עס ניט. זיי זיינען דאָך ניט געקומען כדי קריגן אַ דערציאונג פון אַ פאָלקס־קולטור. זיי זיינען געקומען בעיקר אין די פאָלקשולן צו קריגן אַ לעק פון קאָנפאָרמיסטישער יידישקייט. ניט די עלטערן פון די קינדער און ניט די תלמידים זיינען פאַראינטערעסירט צו גראַדואירן. דערפאַר איז די צאָל גראַדואַנטן אַזוי קליין. גראַדואַנטן זיינען אַן אויסנאַם. די גראַדואירטע, וואָס באַזוכן אַ מיטלשול זיינען אַן אויסנאַם פון אַן אויסנאַם. די וואָס האַלטן אויס די פולע פיר יאָר פון מיטלשול זיינען אַ זעלטענהיים — אַ יוצא מן הכלל.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ קאָנטינגענט קינדער, אַפילו אין די העכערע קלאַסן, איז דער חומש פאַר קינדער אין יידיש צו שווער. ס'איז אויך צו שווער פאַר זיי די קינדער־זשורנאַלן וואָס דערשיינען איצט. ס'איז געווען אַ צייט, ווען אַ צאָל קינדער האָבן געלייענט דעם קינדער־זשורנאַל, גענומען אים אַהיים צו לייענען. דערנאָך איז געוואָרן, אַז מע האָט דעם קינדער־זשורנאַל פאָרגעלייענט פאַר זיי. איצט קאָן מען פאַר זיי שוין אויך ניט פאָרלייענען. די קינדער פאַרשטייען ניט קיין יידיש. גאָר ווייניק קאָפּיעס פון קינדער זשורנאַל ווערן פאַרשפּרייט אין די שלום־עליכם שולן אויך ווייניק קאָפּיעס „קינדער־צייטונג״, אַרויסגעגעבן פון אַרבעטער רינג ווערן פאַרשפּרייט. איך מיין ניט גלאַט אַריינגעשיקט אין די שולן פון צענטראַלן אָפיס, נאָר טאַקע געניצט פון די לערערס און געלייענט פון די קינדער. די זשורנאַלן פאַר קינדער ווערן געשיקט אין היפשע צאָלן קיין מעקסיקע, קיין קאַנאַדע, קיין אַרגענטינע, איבער גאָר דער וועלט, צו יחידים דערוואַקסענע יידן, אָבער גאָר

אַ מנין, פאַרוואָס זייַנען מיר מחויב איך צושטעלן אייערע רעליגיעזע הצטרכותן?

דער בר־מצוה פּלאָנטער איז ניט דער איינציקער אין די יידיש־וועלט־לעכע שולן. ווען די שולן זיינען גע־ווען אידעאָלאָגיש קלאָר וועלטלעך איז נים געווען קיין קאָנפליקט צווישן דער שול און דער הנהגה אין הויז; צווישן די לימודים און דער היים. אָבער איצט, ווען די שולן האָבן אָנגעהויבן אַריינגעמען רעליגיעזע עלעמענטן, האָט זיך אַנטוויקלט אַ היפשע סתירה צווישן דער שול און דער היים, צווישן די לערערס און די תלמידים. ווען מע לערנט חומש, ווילן די קינדער ניט זיצן אָן היטלען. אוודאי און אוודאי מוז מען לערנען די בר־מצוה לימודים אין היטלען. גאָר אָפט ווען אַ יונגער פאָטער קומט צו זען דעם לערער צו אַ פּאַרוואַל־טונג־זיצונג טוט ער ניט אויס דאָס היטל. נאָך מער, וואָס מיינט פּראָווען מיט קינדער אַן עונג־שבת און ניט האַלטן פון שבת? נאָך ערגער איז — צו אַן עונג־שבת מאַכן די קינדער קידוש. פאַר די עלטערן איז פריקרע צוצוזען ווי אַ קינד מאַכט קידוש אָן אַ היטל אָדער דער לערער שטייט אָן אַ היטל. הייַנט, אין די שולן וואו מען לערנט תפילות? טוט אָן דער לערער דאָס היטל און טוט עס אויס. אַן אמתע קאָמעדיע.

עס איז דאָ גאָר ווייניק קולטור־טעטיקייט אַרום די שולן. אַ ניי בוך איז שוין מער ניט קיין געשעעניש ביי די פּאַרוואַלטונגען. יידיש איז איצט אַ נחות דרגא. קלייניקייטן: מען הערט שוין מער ניט קיין „גוט אָוונט". „אַ גוטע נאַכט", נאָר „שלום". מען זאָגט שוין „עונג שאַבאַט", „שאַבאַט שאַ־לאָם". ניטאָ מער קיין העברעאיש אָדער לשון קודש, נאָר איוורית. און איוורית לערנט מען אין האַיסקול. יידיש ניט. יידיש האָט אַפילו ביי די יידישיסטן איצט פאַרנומען דעם צווייַ־טען אָרט.

אַמאָל זיינען געווען אָפטע לעקציעס, רעפעראַטן, קערמישלעך אין די שולן. מחמת סיבות וואָס מיר וועלן דער־קלערן ווייטער, האָט זיך די דאָזיקע טעטיקייט כמעט ווי אָפּגעשטעלט. מען האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף אַ ספּעציעלער קולטור־אַרבעט, וואָס וועט זיין פאַרבונדן מיט אַן עונג שבת אָדער יום־טוב. אָבער עס איז ניטאָ קיין איין יידיש־וועלטלעכע שול אין גאַנץ ניו־יאָרק וואָס האָט אַלע וואָך אַן עונג־שבת. די סיבה איז אַ פּשוטע — מען האַלט דאָך ניט פון שבת. איז דער עונג־שבת אַן אונטער־נעמונג. וויפיל אונטערנעמונגען קאָן מען האָבן דורכן ווינטער? איבער־הויפּט ווען עס איז ניט קיין שבת־אָדער יום־טוב פייערונג, וואָס מען פירט דורך אַליין, נאָר שטענדיק וויל מען אַ קראַפט, אַן אונטערהאַלטער.

אָבער וואָס האָט פּאַסירט מיט די אַלטע טוערס, איבערגעגעבענע יידי־שיסטן, גלותיסטן, פאָלקיסטן, סאָצי־אַליסטן, סעקולאַריסטן, גלות־נאַציאָ־נאַליסטן און די אַלע וואָס האַלטן פון דאָאיקייט? די יורשים פון מזרח־אייראָפּעאישער וועלטלעכער יידיש־קייט? אָבער איידער מיר באַטראַכטן דעם דאָזיקן ענין וועלן מיר זיך אָפּ־שטעלן אויף דער וויכטיקייט פון יידישיסטישן שולוועזן.

# די וויכטיקייט פון די וועלטלעכע שולן

די ידידה פון אונדזערע שולן איז געקומען ניט נאָר דערפון וואָס די נייע עלטערנשאַפט נייטיקט זיך ניט מער אין יידיש און וויל אַ קאָנפאָרמיסטישע דערציאונג, נאָר אויך מחמת דעם וואָס די טוערס און פאַרוואַלטערס פון די שולן זיינען עלטער געוואָרן און זיך געביטן, געוואָרן „פרומערע יידן" ווי אַמאָל. פרומערע יידן אפשר, אָבער ניט מער אַזוי שעפעריש ווי אין די יונגע יאָרן.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק אָדער אַפילו מיט פופצן יאָר צוריק איז די פאַרוואַלטונג פון די שולן באַשטאַנען פון יידישע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן ניט באַלאַנגט צו קיין בית־מדרש, ניט געווען פאַרבונדן מיטן יידישן רעליגיעזן לעבן און מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג. געווינטלעך זיינען די דאָזיקע יידן געווען סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זייער בילדונג געקראָגן אויף דער אַרבעטער־בירזשע, אין די יוניאָנס, אין דעם יידישן טעאַטער, אין די יידישער קאָנצערט־ און לעקציע־זאַלן, בכלל אין דער ראַדיקאַלער אַנטי־רעליגיעזער אָדער אַ־רעליגיעזער באַוועגונג. די יידישע פרעסע איז געווען זייער הויפט גייסטיקע שפייז און די בעסערע פון זיי זיינען געווען לייענער פון דעם יידישן בוך. דער יידישער שרייבער איז געווען זייער רבי, אויטאָריטעט און פירער.

דער דאָזיקער עלעמענט האָט ניט געהאַט קיין אַנדער יידישע טעטיקייט אויסער דער שול־פאַרוואַלטונג. אויף די צדקה־קאַמפּיינען האָט ער געקוקט קרום, אין די זאַמלונגען פון נאַציאָנאַל־פאָנד האָט ער ניט קיין אָנטייל גענומען. אין אַ סינאַגאָגע האָט ער ניט אַריינגעשמעקט. זיין היים איז געווען אינגאַנצן אויסגעליידיקט פון ריטואַל און צערעמאָניאַל. זיין יידישקייט איז באַשטאַנען פון ריידן יידיש, פון לייענען יידיש, און פון דעם קהלשן לעבן אין שול. אַ קאָנצערט, אַ מלוה־מלכה, די פייערונג פון דערשיינען פון אַ יידיש בוך, גיין אין יידישן טעאַטער און „קעמפן" פאַר יידיש און פאַר יידישן באַוואוסטזיין — אַ נעפלדיקער באַגריף, וואָס האָט געמיינט אי גאָרניט, אי עס האָט געקאָנט כולל זיין אַלץ.

אָט דער דאָזיקער ייד האָט זיך גענייטיקט בלויז אין אַ צוגאָב־שול וואו ער זאָל קאָנען דורכפירן צופעליקע פייערונגען און וואו דאָס קינד זאָל קריגן אַן אַבסטראַקט עטישע און סאָציאַליסטישע יידישע דערציאונג. דער דאָזיקער ייד האָט ניט געהאַלטן פון אינסטיטוציאָנעלער יידישקייט. אַ צוגאָב שול פאַר אים איז געווען ווי אָנגעמאָסטן.

דער אמתער מאָטיוו, טרייבקראַפט אַרום די יידיש־וועלטלעכע שולן איז טאַקע געווען די אור־אַלטע איבערצייגונג, דאָס טיף־יידישע באַוואוסטזיין, אַז יידן זיינען אַנדערש פון גוים. דאָס יידישע פאָלק איז אַן אייגנאַרטיק פאָלק צווישן די פעלקער פון דער וועלט און יידישקייט איז אַ גלויבן אין אַ גאָט־אידייע, וואָס איז מחייב יידן צו לעבן אַ באַזונדער אייגנאַרטיק לעבן.

געוויסע טעאָרעטיקער פון יידישיזם האָבן אין תוך אָנגענומען אָט דעם

ווייניק, טאַקע גאָר ווייניק אין די צענדלינגער בלויז, אַפילו ניט אין די הונדערטער קאָפּיעס ווערן זיי פאַרשפּרייט צווישן די קינדער אין די פאָלקשולן.

אַמאָל פלעגט זיך נאָך פאַרקויפן אַ בוך געשריבן פאַר קינדער. היינט גאָרניט. דער אַרבעטער־רינג האָט אַפילו אויפגעהערט אַרויסצוגעבן די מאָגערע, דינע לייען־ביכלעך. דער פאַרלאַג „מתנות" האָט ניט אַרויסגעגעבן קיין קינדער־בוך שוין יאָרן. די וואָס ער האָט געדרוקט פריער ליגן און שימלען.

ס'איז כדאי פאַרן עולם אויפצוקלערן דעם ענין בר־מצוה אין די יידישע וועלטלעכע שולן. ס'איז געווען אַ צייט, ווען די יידישע וועלטלעכע שולן האָבן ניט געהאַלטן פון בר־מצוה, ס'איז דאָך קלעריקאַליזם. אָבער דער דרוק פון די עלטערן איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז די שולן זיינען געווען געצוואונגען איינצופירן דעם צערעמאָניאַל. אין די שלום־עליכם שולן איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער געראַנגל. סוף כל סוף האָט מען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע איינצופירן אַ מאָדערנע בר־מצוה. מע האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע איינצושטעלן אַ צערעמאָניאַל און אַ נוסח. ס'האָט זיך אויסגעלאָזן אַז קיין נייעם צערעמאָניאַל האָט מען ניט איינגעפירט. די סיבות וועלן ווערן קלאָר שפּעטער. מען האָט איינגעפירט אַ „באַסטאַיאַשטשע" בר־מצוה. אָבער די לערערס האָבן קיין חשק ניט געהאַט אָנהייבן צו לערנען מיט די קינדער די ברכות און די הפטורה. אַ סך לערערס, איבערהויפּט די פרויען־לערערינס האָבן פשוט ניט געקאָנט דעם לימוד, האָט מען אַריינגענומען אין די אַרבעטער רינג שולן און אין די שלום־עליכם שולן מלמדים ספּעציעל פאַר דעם לימוד. דער מלמד לערנט אויס דעם ייִנגל די ברכות, די הפטורה און לייגן תפילין. געוויינלעך דעם „ספּיטש", די רעדע, לערנט עס דעם ייִנגל דער פאָלקשול לערער. די בר־מצוה האָט געהאָלפן די שולן. עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל ייִנגלעך. ביז מען האָט איינגעפירט בר־מצוה איז געווען אַ סכנה אַז די פאָלקשולן זאָלן ווערן מיידלעך־שולן.

דוכט זיך גוט: אָבער עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאָמיש־טראַגישע סיטואַציע.

ראשית ווי נאָר אַ ייִנגל ווערט בר־מצוה פאַרלאָזט ער די שול. ער איז שוין פאַרטיק מיט זיינע לימודים. מיר זיינען באַקאַנט פאַלן, וואָס ייִנגלעך האָבן אויפגעהערט צו גיין אין שול אַ חודש פאַר דער גראַדואירונג. ער איז דאָך געוואָרן בר־מצוה. אויב אַ ייִנגל ווערט בר־מצוה פון אָנהייב לערניאָר קאָנט איר אים ניט איינהאַלטן אין שול מיט קייטן. שנית איז געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער פלאָנטער. אַ סך בתי־מדרשים און צענטערס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוצולאָזן די בר־מצוה בחורים פון די וועלטלעכע שולן עולה לתורה זיין. די טענות פון די ראַבייס און רבנים זיינען:

— איר, וועלטלעכע יידן, האַלט ניט פון דאַוונען, פון מנינים, פון קריאת התורה, פון שבת און יום־טוב. מיינט עס, אַז מיר דאַרפן אייך באַזאָרגן מיט אַ רעליגיעזן צערעמאָניאַל, וואָס איז ביי אייך טריף. מיר אין אונדזערע תלמוד־תורות און נאָכמיטאָגדיקע העברעאישע שולן האָבן אַ באַשטימטע פראָגראַם, וואָס איידער אַ ייִנגל קאָן ניט נאָכקומען. אַ ייִנגל פון אַן אַנדער תלמוד־תורה זיינען מיר מחויב צו דערלויבן מאַכן בר־מצוה ביי אונדז אין שול. זיי זיינען אַ טייל פון יידישע קהילות. אָבער איר האָט ניט אַפילו קיין איין שול, וואָס מאַכט

דאָזיקן אתה בחרתנו געדאַנק און אים מאָטיווירט מיט נאַציאָנאַליזם, אָבער אַ נאַציאָנאַליזם ניט צוגעבונדן צו קיין לאַנד. די דאָזיקע טעאָרעטיקער האָבן אַפילו אַגיטירט פאַר אַ פול זעלבסטשטענדיקן שולוועזן דאָ אין אַמעריקע. די סעקולאַרע טוערס אַרום די שולן זיינען ניט געווען אַזעלכע עקסטרעמיסטן.

דאָס אויפקומען פון סעקולאַרן סעקטאָר אין יידישן לעבן איז אין זיין צייט געווען אַ נויטווענדיקייט און איז געווען אַן אַבסאָלוט פאָזיטיווע דערשיינונג. די יידן, וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן טראַדיציאָנעלער יידישקייט, זיינען געווען טיף־עמאָציאָנעלע יידן, וואָס האָבן גייסטיק געלעבט אַ גאַנץ יידיש לעבן. זיי האָבן זיך ניט געניטיקט אין קיין מצוות מעשיות, זיי האָבן ניט געדאַרפט קיין צערעמאָניאַל און האָבן זיך געקאָנט באַגיין אָן איסור והיתר. זיי האָבן געהאַט יידישע ידיעות און זיינען געווען איבערגעזעטיקט מיט יידישן לעבנסשטייגער. זיי האָבן געהאַלטן אַז רחמנא ליבא בעי, זיי האָבן געלייגט געוויכט אויף האַרץ־יידישקייט.

מען דאַרף ניט און מען טאָר ניט מינימיזירן דעם אויפטו פון אונדזערע וועלטלעכע שולן. די דאָזיקע שול האָט איבערגעגעבן אונדזערע קינדער אַ סכום וועלטלעכע יידישע ידיעות וואָס אין צענטער איז געווען די יידישע ליטעראַטור, אויך נאָך דריי וויכטיקע זאַכן:

א) אַ געפיל פון אַ לעבעדיקער יידישקייט. יידישקייט מיינט ניט עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט אין אַ מוזיי, פאַרגליווערט, פאַרפיקסירט אין טויטע טעקסטן, וואָס מען נעמט אַרויס ביי באַשטימטע געלעגנהייטן, מען שטויב עס אָפּ און ווידער אַוועקגעלייגט. יידישקייט איז אויך ניט בלויז דאָגמע, אַ סכום געבאָטן און אָנזאָגונגען פון אַ בייזער מאַכט, וואָס באַשטראָפט פאַר יעדער קלייניקייט, פאַר יעדן בראָך אין דיסציפּלין. ניין, יידישקייט איז אַ לעבעדיקער גוף. יידישקייט איז אַ גרונט־אידייע, וואָס נעמט אָן פאַרשיידענע געשטאַלטן אין פאַרשיידענע צייטן און אין פאַרשיידענע ערטער. יידישקייט מיינט דאָס לעבן פון לעבעדיקע ממשותדיקע יידן, אָט ווי טאַטע־מאַמע וואָס זייער יידישקייט איז אוממיטלבאַר. די יידישע ליטעראַטור איז דער סימבאָל פון יידישע קאָנטינואיטעט. די יידישע שרייבער זיינען די לעבעדיקע טרעגער און שאַפער פון איצטיקער יידישקייט. די דאָזיקע נייע שפּינער פון דעם געוועב פון יידישקייט האָט דער תלמיד אָפּט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן.

ב) אַ געפיל פון געהערן (בעלאָנגינג, אין ענגליש) צו אַ לעבעדיקן יידישן קיבוץ, וואָס איז אַ טייל פון אַ פאַרשפּרייט יידיש פאָלק. דער קיבוץ נעמט אויף די דרויסנדיקע וועלט, וויל זי מאַכן אַ טייל פון זיך, דאָך איז ער אָפּגעטיילט פון דער וועלט, וויל זיין אָפּגעטיילט אָן קיין שום טעאָרעטישע באַרעכטיקונג. דאַרף ניט האָבן קיין באַרעכטיקונג — ס'איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך אָט (מירן ווידער נוצן דעם זעלביקן משל) ווי טאַטע־מאַמע און ווי די אייגענע משפּחה וואָס ער קען. אַ טייל פון דער וועלט אַרום און דאָך אַן אייגנס פאַר זיך.

ג) אַ פאַרשטענדעניש, אַז כדי צו זיין יידן מוז מען האָבן און עס איז נייטיק אַ געוויסע מאָס פון אָפּגעזונדערטקייט. אַן אָפּגעזונדערטקייט ניט אַרויפגעצוואונגען פון דרויסן, נאָר וואָס עס קומט פון אַן אינערלעכן זעלבסטפאַרשטענדלעכן פאַרלאַנג אויפצוהאַלטן אַן אייגן אייגנאַרטיקן לעבן, וואָס האָט אין זיך אייביקע ווערטן. די אָפּגעזונדערטקייט

ווערט דורכגעפירט נים מיט קיין ספּעציעלער הלבשה, ניט מיט קיין באַזונדערער הנהגה נאָר מיט נוצן אַן אייגן לשון, וואָס איז מחייב אַן אייגנאַרטיקן וועג פון דענקען און אויפנעמען די וועלט אידייאיש.

דאָס איז אַן אַבסטראַקטע ייִדישקייט, וואָס קאָן ניט און וויל ניט שאַפן קיין אייגענע אינסטיטוציאָנעלע פאָרם פון ייִדישקייט. מיר זיינען געווען אַזוי אָנגעזעטיקט מיט ייִדישקייט נאָך פון אונדזער יוגנט, אַז די ווערטער „בתי־מדרשים״, „דאַווענען״, „אָפּהיטן שבת״ האָבן אויף אונדז אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק, אַ מורא.

פאַר אונדז איז אונדזער צאַמען ברעכן געווען אַ פאָרם פון ייִדישקייט. אָבער אונדזערע קינדער האָבן מיר ניט געקאָנט איינהאַלטן ביי זיך. מיר האָבן פשוט ניט געשאַפן פאַר זיי די פאָרם, די היים פאַר דער אַבסטראַקציע. מיר האָבן דאָך ניט געהאַלטן פון אינסטיטוציאָנעלער ייִדישקייט, האָבן מיר ניט געקאָנט שאַפן קיין אינסטיטוציעס.

אָבער אונדזערע גראַדואַנטן זיינען געוואָרן זייער אַקטיווע און שעפערישע מיטגלידער אין פאַרשיידענע קהילות און אינסטיטוציעס. אומעטום קאָן מען גרינג דערקענען אַ מענטשן, וואָס האָט געענדיקט אָדער איז געגאַנגען אַ לענגערע צייט אין אַ ייִדישיסטישער וועלטלעכער שול. ער פאַרמאָגט אַ פאָלקסטימלעכקייט און אַ האַרציקע צוגעבונדנקייט צו ייִדן, ייִדיש, און ייִדישן וועג פון לעבן.

מען מוז זאָגן, אַז ביז אַ געוויסער מאָס האָבן די ייִדישיסטישע שולן אָפּגעהיט די נשמה־יתירה־דיקייט פון ייִדישן מענטשן. מיר האָבן אויפגעהאַלטן, אפשר ניט ווילנדיק, ייִדישע זעלבסטפאַרשטענדלעכע צוגעבונדנקייט צו ייִדישע טראַדיציעס. פּאַראַדאָקסאַל געזאָגט: מיר האָבן צוגעשטעלט צום אָרגאַניזירטן ייִדנטום אַן עלעמענט ייִדן, וואָס ווייס, אַז ייִדישקייט איז ניט נאָר צערעמאָניאַל, ריטואַל, מצוות און געבאָטן און אינסטיטוציעס, נאָר אַן אמונה פון אַן אייגנאַרטיקער גאָט־אידייע, אַן אידייע, וואָס איז שעפעריש און ווערט אַלע מאָל באַנייט. דאָס האָט צוגעגרייט דעם באָדן, געשאַפן די גייסטיקע און עמאָציאָנעלע אַטמאָספער פאַרן איצטיקן אויפלעב פון עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע, וואָס ווערט געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט פון ניט קיין אָרטאָדאָקסן.

מיר טאָרן ניט מינימיזירן דעם אויפטו פון די ייִדישע וועלטלעכע שולן און אַוודאי און אַוודאי טאָרן מיר ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די גאַנצע ייִדישיסטישע באַוועגונג אין איר באַטאָנען די וויכטיקייט פון דאָאיקייט. אין דעם געדאַנק איז פאַרוויקלט אַ טיף־ייִדישער וועלט־באַנעם — דער באַנעם אַז ייִדישקייט איז אַן אידייע, וואָס קאָן געדייען איבער גאָר דער וועלט. ווען חלילה ייִדיש אונטערגיין און מיט ייִדיש דער באַגריף אַז ייִדן זיינען אַ וועלטפאָלק, יעמאָלט וועט ייִדישקייט איינשרומפּן. עס וועט בלייבן בלויז דער באַגריף, אַז ייִדישקייט איז נאָר אַן אמונה פון אַ באַשטימטן צערעמאָניאַל און ריטואַל, וואָס האָט ניט הינטער זיך קיין גרויסע אידייע. די מעכאַנישע דורכפירונג פון געבאָטן איז דער עיקר. ניטאָ קיין פילאָסאָפיע פון באַגריף מצווה; און עס וועט פאַרשטאַרקט ווערן דער געדאַנק, אַז דאָס ייִדישע פאָלק קאָן נאָר געדייען אָדער אין אַן אייגן לאַנד ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אָדער ווי אַ סעקטע וואָס ווערט אויפגעהאַלטן מיט אָפּגעלעבטע מיטלען.

אָבער די ייִדישיסטישע וועלטלעכע טוער אַרום די שולן דאַרפן באַגרייפן אַז צייטן בייטן זיך, אַן אידייע איז ניט סטאַטיש. אַנדערע מענטשן מיט

אַן אַנדער יידישן הינטערגרונט זיינען אויפגעקומען. אויך די אַלטע טוער האָבן זיך געביטן און די לויזע ניט־אינסטיטוציאָנעלע יידישקייט, וואָס מיר האָבן אויפגעבויט, איז איצט ניט מער ווירקזאַם. און מיר, די אַלטע טוער האָבן זיך אָנגעזעטיקט מיט וועלטלעכקייט, סעקולאַריזם און מיר בענקען נאָך אַן אינסטיטוציאָנעלער יידישקייט. אונדזערע קינדער אַוודאי און אַוודאי. זיי זיינען אויפגעהאָדעוועט אויף אַ סעקולאַרער קולטור און זיי נייטיקן זיך און ווילן טאַקע די פאָרמאַלע יידישקייט, וואָס איז געפאַלן אויף אונדז ווי אַ שווערער יאָך.

וואָס איז די געביטענע לאַגע? דאָס וועלן מיר דערקלערן און קומענדיקן קאַפּיטל.

# די געביטענע לאַגע

צוויי וויכטיקע שינויים זייַנען פאָרגעקומען אינעם לעבן פון דעם עלטערן דור, וואָס האָט געשאַפן די יידישיסטישע וועלטלעכע שולן און האַלט זיי נאָך אויף. דאָס ערשטע איז געשען, וואָס מיר האָבן זיך איבערגעזעטיקט מיט סעקולאַריזם און מיר האָבן זיך פאַרבענקט אַ היפּש ביסל נאָך פאָרמאַלער יידישקייט. ניין, דער גרעסטער, גאָר גרעסטער טייל איז ניט פרום געוואָרן, אָבער ער גייט אין שול איבערהויפּט ימים־נוראים, און בכלל אין אַ יום־טוב, און אַמאָל אויך אַ שבת. מען פראַוועט אַ סדר, מען צינדט אָן ליכט פרייטאָג־צו־נאַכט. אַז די משפחה קומט זיך צוזאַמען טוט אָן דער אַלטער אַפּיקורס אַ היטל, און אַמאָל אָן אַ היטל, מאַכט ער קידוש. מען היט אָפּ כשרות ביז אַ געוויסער מאָס און מען האָט אָנגעקלאַפּט מזוזות אויף די טירן.

איך בין אַן עדות אַז הייַיאָר האָב איך געזען אַזעלכע טוערס פון אַרבעטער רינג און שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט גיין אין שול אַריין, אַז איך קאָן זאָגן, אַז דער אויפרוף פון הרב טייטץ צו די אַפּיקורסים צו גיין אין שול, איז געווען איבעריק. זיי האָבן עס שוין לאַנג געטאָן.

איך וויל עס זאָל זיין קלאָר, אָט די דאָזיקע אַלטע אַפּיקורסים זייַנען ניט געוואָרן פרום. זיי זייַנען נאָך אַפילו ניט געוואָרן קיין מיטגלידער פון אַ סינאַגאָגע. אמת אַ היפּשע צאָל געהערט אויך צו צענטערס און גייט רעגלמעסיק הערן אַ ראַביים דרשה, אָבער פרום זייַנען זיי ניט געוואָרן. זיי האָבן זיך פשוט פאַרבענקט נאָך אַ פאָרמאַלער יידישקייט; ס׳איז אַ נאָסטאַלגיע, ביז אַ געוויסער מאָס, נאָך די קינדער־יאָרן און שרעק פאַר דעם קיום פון נייעם דור, וואָס איז קאָנפאָרמיסטיש.

פון דער דירעקטער סביבה אַרום מיר קאָן איך דערציילן אַז פולע 90 פּראָצענט פון מיין תנ״ך־חברה זייַנען געגאַנגען הייַנטיקן ימים־נוראים אין שול. ביז הייַיאָר האָב איך אויפגעהאַלטן אַ מנין ביי זיך אין שטוב. אַ מנין, וואָס האָט ימים־נוראים ניט געדאַוונט נאָר געלערנט. איצט זייַנען זיי אַלע אַוועק אין שול. איך האָב זיי געמוסרט, אַז זיי זייַנען, אין אַ געוויסער מאָס, פּאַראַזיטן, ווייל אויב זיי נייטיקן זיך אין אַ מנין מיט אַ ספר־תורה איז לאָמיר עס מאַכן ביי זיך אין דער שול, אָדער זאָלן זיי ווערן מיטגלידער אין אַ סינאַגאָגע. אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן. זיי זייַנען נאָך ניט גרייט פאַר אַן אייגענעם מנין, זיי ווילן נאָך אָנהאַלטן דעם אַלטן באַגריף פון אַ סעקולאַרער יידישיסטישער שול און ווילן ניט ווערן קיין פולע מיטגלידער פון אַ סינאַגאָגע און אַוועק אין גאַנצן פון דער וועלטלעכער סביבה.

שנית האָט גאָר שטאַרק געווירקט אויף אונדזערע יידן דער אויפקום פון מדינת ישראל. די אַלטע קאָסמאָפּאָליטן זייַנען געוואָרן פאַרברענטע נאַציאָנאַליסטן און גאָר אַקטיווע טוערס פאַר מדינת ישראל. זיי פאַרקויפן באָנדס, אַרבעטן פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, נאַציאָנאַל־פאָנד „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל״. זיי האָבן בכלל אַלע מאָל עפּעס אַ נייעם פּראָ־

יעקט פאַר מדינת ישראל. זיי זיינען אַקטיווע מיטגלידער פון „הדסה״, פיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע און וואָס ניט ?

אין תוך איז עס ניט קיין חסרון. אָבער די אַלע אַקטיוויטעטן ווערן אָנגעפירט ניט צווישן די פיר ווענט פון דער שול. די שול איז דאָך ניט קיין אינסטיטוציע, וואָס איז כולל דאָס גאַנצע יידישע לעבן. ווערן אָנגעפירט די אַקטיוויטעטן אין די דרויסנדיקע אָרגאַניזאַציעס, פאַרלירט די שול גאָר אַ סך. די בתי־מדרשים, די צענטערס האָבן געוואונען פון דער אַקטיוויזירונג פון זייערע מיטגלידער, אָבער די יידישיסטישע שולן האָבן פאַרלאָרן. די ציוניסטישע אַרבעט האָט אַריינגעבראַכט מער לעבן און געשאַפן אַ גרעסערע צוגעבונדנקייט צו די רעליגיעזע אינסטיטוציעס. ביי אונדז האָט עס אויסגעליידיקט די שול. אַזוי פיל טעטיקייט אויסער דער שול, אַז עס בלייבט ניט גענוג צייט און מי און רצון פאַר דער שול־אַרבעט.

די קולטור־אַרבעט אַרום דער שול האָט איינגעשרומפּן. צוליב די פריערדיקע סיבות און אויך ווייל די טוערס האַלטן מער ניט די שול פאַר זייער גייסטיקער היים. מען האָט געלייגט גרויס וואָג אויף עונג־שבתים און יום־טובים פייערונג. חזר איך איבער דאָ בפני כל עם ועדה, אַז ס׳איז ניטאָ קיין איין יידישיסטישע שול, וואָס פירט אָן אַלע פרייטאָג, יעדן פרייטאָג, מיט אַן עונג־שבת. מען מאַכט עטלעכע מאָל דורכן יאָר אַן עונג־שבת ; באמת זיינען דאָס אונטערנעמונגען, מיט אַ צופעליקן טאַלאַנט אָדער שרייבער, אָבער ניט קיין עונג־שבת וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַ גייסטיקן פירער צוליב שבת.

די טראַגישסטע לאַגע איז פאַר די שולן, וואָס האָבן אייגענע בנינים. פאַראַן עטלעכע שולן, וואָס האָבן גאַנץ פיינע בנינים. זיי קאָנען נאָך חלילה אונטערגיין צוערשט. אַ שול אין אַ קעלער, אַ קראָם, קאָן נאָך אויסגעהאַלטן ווערן מיט אַ מינימום שבמינימום פּראָגראַם, אָבער אַן אייגענער בנין פאָדערט אַ ברייטערע אַרבעט און עס איז ניטאָ קיין גענוג גייסטיקער אינהאַלט מיט וואָס אָנצופילן די שול. דער בנין שטייט אַלע נאַכט נאָכן לערנען מיט בלינדע פענצטער און איז פאַרמאַכט איבערן סוף וואָך און איז פאַרשלאָסן די זומער־חדשים און אין דעם חודש פון יידישע יום־טובים.

די שול־טוערס ווילן זיך ראַטעווען מיטן שאַפן זונטאָג־שולן, עפענען שולן אין פּאָבליק־סקולס, וואו די הוצאות פון שול ווערן כמעט געדעקט פון שכר־לימוד און מע בייטיקט זיך ניט אין אויסערלעכע אַקטיוויטעטן.

פולע 35 פּראָצענט פון דער צאָל קינדער, וואָס באַזוכן די שלום־עליכם שולן באַזוכן בלויז אַ זונטאָג־שול. צוואַנציק פּראָצענט פון די אַרבעטער רינג שולן געפינען זיך אין די בנינים פון פּאָבליק־שול, וואו מען לערנט געציילטע איינגעשרומפּענע שעהן און עס איז אוממעגלעך אָנצופירן וועלכע עס איז אויסער־שול אַקטיוויטעטן. איצט פאַרנעמט זיך דער אַרבעטער רינג צו גרינדן זונטאָג־שולן.

די נעבעכדיקסטע שולן זיינען אין די נייע ישובים פון די פאָרשטעטלעך אַרום ניו־יאָרק. די נייע ישובים האָבן אויפגעשטעלט צענטערס, וואָס קאָסטן הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן ; האָבן אָנגעשטעלט יונגע ראַביים, סעקרעטאַרן, געעפנט נאָכמיטאָג־שולן מיט צענדלינגער לערערס. מיר שטעלן אויף דאָרטן זונטאָג־שולן אָדער שטעלן איין שולן אין דער געביידע פון אַ פּאָבליק־סקול, וואו עס איז ניטאָ קיין אָרט אַפילו פאַר אַ מינימום פון קולטור־טעטיקייט. פאַרשטייט זיך,

אַז דער לערער אָדער לערערין פון דער פאָלקשול קאָן זיך ניט פאַרמעסטן מיט דעם ראַביי, וואָס איז געוויינלעך אויך אַ גראַדואירטער פון אַן אוניווערסיטעט און האָט אַרום זיך יוצר־משרתים און אשר־משרתים.

די אַלטע שול־טוערס גרויסן זיך, וואָס אַ קליינע צאָל פון אונדזערע קינדער, וואָס האָבן גראַדואירט פון די פאָלקשולן זיינען איצט געוואָרן די גרינדערס פון וועלטלעכע שולן. אָבער די טוערס גיבן ניט איבער דאָס גאַנצע בילד. די נייע טאַטעס און מאַמעס, וואָס גרינדן וועלטלעכע שולן, נעמען ניט איבער אַפילו די אָרעמע ירושה פון זייער טאַטע־מאַמע. זיי גרינדן זונטאָג־שולן וואו דאָס אָפיציעלע לשון איז ענגליש. זיי זיינען אָרעמער פון זייערע טאַטע־מאַמע. מיר האָבן ניט אָפּגעהיט קיין שבת, אָבער געלייענט עפּעס וועגן שבת: אַ דערציילונג, אַ ליד וואָס האָט באַזונגען דעם שבת אָדער יום־טוב. מיר האָבן געשאַפן אַ במקום יידישקייט. דאָס יידישע לשון און די רייכע יידישע ליטעראַטור זיינען געוועזן דער במקום. אָבער אונדזערע קינדער זיינען געקומען צו דער מדרגה, אַז זיי ריידן וועגן יידיש לשון, וועגן דער יידישער ליטעראַטור — אויף ענגליש. אַ מהלך!

זונטאָג־שולן האָבן זיך שטענדיק גערעכנט ווי אַ פּלאָג ביי אַלע יידישע מחנכים, דערציער. אָבער צום ווייניקסטן אַן אינסטיטוציאָנעלע יידישקייט ווי די רעפאָרם־יידישקייט, אויך אַפילו די קאָנסערוואַטיווע באַוועגונג קאָן נאָך עפּעס דערגרייכן אין אַ זונטאָג־שול, זיי קאָנען צוגרייטן קינדער צו אַ באַשטימטער אויסגעליידיקטער פאָרמעלער יידישקייט; אַ פּאָר ברכות, אַ פּאָר צערעמאָניעס, אַ לעק ביבל און יידישע געשיכטע, דער סדר פון דאַוונען אין ענגליש, הימנעס, עטלעכע געציילטע תפילות אויף העברעאיש אויסווייניק און דאָס קינד איז ראוי צו ווערן אַ מיטגליד אין טעמפּל. אָבער וואָס פאַראַ קאָנקרעטע עניינים קאָן מען לערנען אין אַ סעקולאַרער יידישיסטישער זונטאָג־שול? קאָן געמאָלט זיין סעקולאַרע יידישקייט, וועלטלעכע יידישקייט אויף ענגליש? דער גאַנצער אויפטו פון די יידישיסטישע וועלטלעכע שולן איז דאָך געוועזן דאָס באַוואוסטזיין, אַז יידישקייט שטייט ניט אויף צערעמאָניאַל און ריטואַל נאָר אויף אַ נאַציאָנאַלער שפּראַכלעכער ירושה, וואָס דאַרף כולל זיין אַלץ. שאַפט מען אָפּ דאָס לשון יידיש איז עס ווי די גמרא זאָגט: פּסיק רישא ולא ימות — האַק אים אָפּ דעם קאָפּ און ער זאָל ניט שטאַרבן.

די זונטאָג־שול באַוועגונג איז ווי „אַ צודעק פאַר די אויגן". מיר פּערזענלעך דאַכט זיך, אַז עס איז אַ תירוץ פאַר אַ גרינגער און וואָלוועלער יידישקייט. מע גיט אָן פאַרשיידענע תירוצים פאַר די זונטאָג־שולן — עס פעלן לערערס; אין געוויסע „סאָבורבס" וואוינען די יידן ניט קאָנצענטרירט. אָבער דעם אמת האָט אַרויסגעלאָזן פון זאַק, דרך אגב, זלמן יעפרויקין אין „קולטור און דערציאונג" אָקטאָבער 1955 — „די יונגע עלטערן האָבן אין געוויסע געגנטן ניט געקאָנט נעמען אויף זיך די לאַסט, אָדער מורא געהאַט דאָס צו טאָן, פון אַ נאָכמיטאָג שול".

דאָס איז דער אמתער אמת. קיין יידישער קיבוץ, חוץ די סעקולאַריסטן, האָט ניט אַזאַ קליינע השגה וועגן יידישן לעבן. ניט קיין סינאַגאָגע, ניט קיין טעמפּל, ניט קיין ראַביי; ניט קיין רב, ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טוב, ניט קיין אייגן לשון — אַ זונטאָג־שול אויף ענגליש!

ניין, ניטאָ וואָס צו גרייסן זיך מיט די נייע עלטערן, די ענגליש־ריידנ־

דיקע גראַדואַנטן פון אונדזערע שולן. זיי זיינען כלומרשט צוגעשטאַנען צו דער וועלטלעכער יידישיסטישער שול־באַוועגונג. ס'איז ניט אמת, זיי זוכן נאָך אַ גרינגערע יידישקייט ווי זיי האָבן געטראָגן אין זייער יוגנט אין די פאָלקשולן. זיי פאַרוואַסערן נאָך מער די פאַרוואַסערטע יידישיסטישע דערציאונג. מיר האָבן צום ווינציק־סטען געהאַט אַ סעקולאַרע יידישע באַוועגונג אויף יידיש. זיי ווילן יידיש און סעקולאַריזם אויף ענגליש. אַן אומזיניקייט.

די גאולה פון דער יידישיסטישער וועלטלעכער שול וועט פון זיי ניט קומען. דער אויפלעב און פאַרטיפונג פון דער יידישיסטישער שול קאָנען קומען פון אַ נייער אָריענטאַציע. מיר דאַרפן נעמען אַ מוטיקע שטעלונג צו יידיש, העברעאיש, מדינת ישראל, רעליגיע און אינסטיטוציאָנעלע יידישקייט.

# אַ נייע אָריענטאַציע

כדי די יידישיסטישע וועלטלעכע שולן זאָלן צוריק ווערן אַ דינאַמישער כוח אין אונדזער לעבן, מוז ביי די טעאָרעטיקער קומען צו אַן איבערשאַצונג הן בנוגע דער אָרגאַניזאַציע פון די שולן און נאָך מער אידעאָלאָגיש. און אפשר, אויב די טעאָרעטיקער וועלן וואַגן צו מאַכן אַן אידעאָלאָגישע איבערשאַצונג, גלויב איך, וועט שוין במילא קומען צו אַ רעאָרגאַניזירונג פון די שולן.

אָבער איך מוז צוגעבן, אַז ווען עס קומט צו אַן איבערשאַצונג זיינען אונדזערע ראַדיקאַלן די קאָנסערוואַטיווסטע מענטשן אין דער וועלט.

די ערשטע איבערשאַצונג דאַרף קומען בנוגע יידיש.

מיר אַלע ריידן וועגן דער צוקונפט פון יידיש. מיר שרייען, מיר ליאַרעמען און מיר „קעמפן" פאַר יידיש. אָבער דער אמת איז אַז די יידישיסטן האָבן אָנגענומען די הנחה, אַז יידיש גייט אונטער, וועט אונטערגיין און פאַרפאַלן, אַזוי האָט די געשיכטע באַשטימט.

עס ליגט פאַר מיר אַ בריוו פון איינעם פון די זיילן פון דער יידישער ליטעראַטור, אַ שריפטשטעלער מיט סטאַזש פון 55 יאָר. שרייבט צו מיר דער אַלטער טעאָרעטיקער בזה הלשון:

> „יידישיזם האָט זיין ציל דערגרייכט (געוואונען פּרעסטיזש פאַר יידיש און אַ קולט פאַר יידישער ליטעראַטור) און יידיש? יידיש לעבט און וועט לעבן נאָך אונדזער אַלעמענס טויט. אויב ניט אין די מיילער איז אין די הערצער פון יידן (אויך פון די וואָס האָבן יידיש ניט גערעדט").

ס'איז אַפילו אַ פּריוואַטער בריוו, אָבער איצט, נאָך זיין טויט, מעג איך אָנגעבן דעם נאָמען — שמואל ניגער. און אָט איז אַן אויסצוג פון אַ רעצענזיע אויף מאַני לייבס לידער אין „פאָרווערטס" געשריבן פון דעם דיכטער דוד איינהאָרן:

> „אַז אַזאַ פּאָעט ווי ער, וואָס האָט געקענט שטעלן אַזאַ וואונדערלעכע מצבה אויף אַ גאַנצן פאָלק — זיינע לידער, וועלן ניט פאַרגעסן ווערן און זיי וועלן אויפקלינגען ווידער אויף אַן אַנדער שפּראַך. ווען זיין אוראייניקל וועט עס אַנטדעקן אין אונדזער גרויסן היסטאָרישן אַרכיוו".

(„פאָרווערטס", אָקט. 22, 1955).

אויב די אינטעליגענץ האַלט, אַז עס איז שוין נאָך יידיש, ניט מער מען האָט נאָך ניט אָפּגעזאָגט קיין קדיש, ווי אַזוי קאָן מען אויפהאַלטן און נאָך קעמפן פאַר יידישע שולן?

איך האָב פריער באַמערקט, אַז די פאַרוואַלטער באַנוצן זיך ניט מער מיט „אַ גוטן אָוונט", „גוט שבת", „אַ גוטע וואָך", נאָר באַנוצן העברעאישע אויסדרוקן — שלום, שאַבאַט־שלום אאז"וו. אפשר האָט דער לייענער אַ שמייכל געטאָן, וואָס איך מאַך אַ ווע]ן פון אַזוינע קלייניקייטן. אָבער דאָס זיינען סימפּטאָמען פון אַ געוויסן געמיט־צושטאַנד, וואָס די עצם חולאת איז אַ סך ערנסטער ווי די דרויסנדיקע סימנים.

אויב מיר ווילן באמת אויפהאַלטן יידישע שולן דאַרפן מיר נעמען אַ שטעלונג צום גאַנצן ענין העברעאיש. איך בעט אייך נעמט זיך אַריין אין זינען „צום ענין העברעאיש" זאָג איך, ניט לשון קודש.

דאָס וואָס העברעאיש איז געוואָרן
דאָס אָפיציעלע לשון אין מדינת
ישראל, מיין איך, איז אַ גרויסער
מינוס פאַר דער מדינה. איך פּער־
זענלעך האַלט, אַז היסטאָריש איז עס
געווען אַ טעות, אַן אומגליק. אָבער
די געשיכטע פרעגט אונדז ניט וואָס
עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט
פאַרן פאָלק. געשיכטע האָט איר איי־
גענעם וועג. דאָס אָננעמען פון העב־
רעאיש האָט אַרויפגעלייגט אַ שווערע
לאַסט אויפן קיבוץ פון מדינת ישראל.
צו אַלע שוועריקייטן און יאָכן איז נאָך
צוגעקומען די לאַסט צו שאַפן פון
אַלטן לשון קודש אַ מאָדערנע גע־
רעדטע שפּראַך. אַ שלל פון ענערגיע
דאַרף אויף דעם פאַרשווענדט ווערן.
דאָס וועט אויך אַ היפשער צייט
אָוועקנעמען די שעפערישקייט פון
יידישן קיבוץ אין מדינת ישראל.
אָבער דאָס איז דעם ישובס פּראָ־
בלעם — אויב אים איז עס ליב איז
עס אונדז ניחא. מיר אָבער דאָ אין
די תפוצות קאָנען ניט אָננעמען העב־
רעאיש ווי אונדזער נאַציאָנאַלן לשון:
ראשית, ווייל היסטאָריש איז באַוויזן
געוואָרן, אַז דאָ, אין אַמעריקע, האָט
קיין איין עטנישע גרופּע ניט געקאָנט
אויפהיטן איר אייגן לשון און שאַפן
אַן אייגענע ליטעראַטור, מחמת אין
דער אַלטער היים, אין דער נאַציאָנאַ־
לער היים, רעדט מען די דאָזיקע
שפּראַך. יידיש און לשון קודש האָבן
געקאָנט זיין דאָ שעפעריש, ווייל ביי־
דע לשונות זיינען ניט געווען צוגע־
בונדן צו אַ באַשטימטן לאַנד.

שנית, מאָדערנער העברעאיש וועט
אין אַ דור צוויי גאָרניט ניט האָבן צו
טאָן מיטן לשון קודש פון תנ"ך, משנה
און אפילו מיט דער מאָדערנער
העברעאישער ליטעראַטור, וואָס איז
געשאַפן געוואָרן אין די תפוצות
(וועגן דעם ענין זע „יידן צווישן
פעלקער" פון שלמה סיימאָן ז' 107;
דוד קמחי, „הדואר", חשון תש"ז,
גליון מ"א; „תוך יידישקייט" פון
שלמה סיימאָן, קאַפּיטל „אייגן לשון
און ריידן יידיש" און לעאָ קעניג „ווי־
דערגעבורט פון פאָלק און שפּראַך",
„צוקונפט", נאָוועמבער 1955), פאַר
אונדז איז לשון קודש וויכטיק, ווייל
דאָס לשון פאַרבינדט אונדז מיט די
יידישע מקורות און יידישער המשכ־
דיקייט. העברעאיש אָבער רייסט אי־
בער אונדזער המשכדיקייט און לייגט
געוויכט אויף לאַנד. יידיש, להיפוך
דעם מאָדערנעם העברעאיש, באַטאָנט,
אַז יידישקייט קאָן אומעטום געדייען
און לעבן. העברעאיש לייקנט עס.

דאַרפן מיר זיך ניט שרעקן און
זאָגן אָפן: אין די תפוצות איז יידיש
אונדזער טאָג טעגלעך לשון; ניט
ווייל עס זיינען נאָך דאָ אַ גרויסע צאָל
יידן, וואָס ריידן יידיש און נאָך אַ
גרעסערע צאָל וואָס פאַרשטייט דעם
לשון, אַ סך גרעסערע צאָלן ווי די
וואָס ריידן און פאַרשטייען העברע־
איש, נאָר יידיש איז אונדזער לשון
צוליב דער אידייע פון די תפוצות;
ווייל יידיש איז ניט צוגעבונדן צום
ענגן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז צוגע־
וואַקסן צו לאַנד; ווייל יידיש באַטאָנט
המשכדיקייט.

און דערפאַר לערנען מיר ניט קיין
העברעאיש אין אונדזערע שולן אין
די תפוצות, נאָר לשון־קודש לערנען
מיר, מיט דער אויסשפּראַך פון אונ־
דזער אַלטער טראַדיציע — די
אשכנזישע, ניט די ספרדישע. מיר
לערנען לשון קודש, ווייל מיר ווילן
באַטאָנען די יסודות פון יידישן פאָלק
— תנ"ך און משנה. מיר לערנען
לשון קודש, ווייל מיר ווילן זיין פאַר־
בונדן מיטן עבר און מיט דעם קיבוץ
פון ארץ ישראל, וואָס וועט נאָך מוזן
איינפירן ווידער אַ מאָל דעם לימוד
לשון קודש אין די שולן, ווייל העב־
רעאיש וועט מאַכן פאַרגעסן לשון

קודש. נאָר מער פון אַלץ מוזן מיר באַטאָנען, אַז יידיש בלייבט אונדזער לשון, ווייל העברעאיש קאָן אַלצאיינס ניט ווערן דאָס לשון פון וועלכן עס איז קיבוץ אין די תפוצות — העברעאיש מיינט דאָך ענגער נאַציאָנאַליזם, וואָס מוז זיין צוגעוואַקסן צו לאַנד, ווי אַלע לשונות זיינען, חוץ יידיש.

אויב מיר וועלן אָננעמען דעם דאָזיקן געדאַנקענגאַנג קאָנען מיר אַנטוויקלען אַ מיליטאַנטישן יידישיזם. ניט קיין קאַמף מיטן קיבוץ פון מדינת ישראל, נאָר אַ קאַמף קעגן דעם זינלאָזן דעפּיטיזם דאָ ביי אונדז. וועלן מיר באַטאָנען די אידייאישקייט פון יידיש האָבן מיר אַ געווער מיט וואָס צו קעמפן. מען קאָן ניט ווערן מיליטאַנטיש בלויז מחמת סענטימענטן, למשל, יידיש איז דאָס לשון פון די קדושים, דאָס לשון פון טאַטע־מאַמע, פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. דאָס זיינען סענטימענטן וואָס האָבן אַ ווערט בלויז פאַר מענטשן, וואָס האָבן אַ נאָסטאַלגיע פאַרן אַמאָל און האָבן אַליין געלעבט אין יענער צייט, אין דער „פּרעהיסטאָרישער" תקופה. אגב די אַלע סענטימענטן קאָנען גרינג אָפּגעפרעגט ווערן.

די צווייטע רעאָריענטאַציע דאַרף קומען בנוגע מדינת ישראל. מיר דאַרפן צוגעבן און באַטאָנען, אַז דער אויפקום פון מדינת ישראל איז די וויכטיקסטע געשעעניש פון אונדזער איצטיקער צייט. אָבער מיר דאַרפן אויך באַטאָנען און אַזוי אָפט ווי מיר קאָנען, אַז מיר נעמען ניט אָן די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע. איך מיין מיר נעמען ניט אָן דעם ציוניסטישן געדאַנקענגאַנג, אַז דאָס יידישע פאָלק קען געדייען, אויפהאַלטן זיך און זיין שעפּעריש בלויז אין אַן אייגן לאַנד.

דאָס גרינדן פון מדינת ישראל האָט אויף אַ געוויסן אופן נאָרמאַליזירט יידן. עס האָט אין אונדזער לעבן געפעלט אַן אייגן לאַנד, וואו די אידייע פון יידישקייט זאָל קאָנען זיך אַנטוויקלען אויך אין אַ גאַנצער יידישער סביבה; אין אַ סביבה, וואָס זאָל איבערנעמען די התחייבותן פון מדינה־רשעות. איצט, ווען מיר האָבן אַן אייגענע מדינה האָבן מיר אַזאַ סביבה. צי יידישקייט וועט קאָנען אויסהאַלטן דעם דרוק פון מדינה־התחייבותן איז נאָך אַ גרויסע פראַגע. אַן אייגן לאַנד, לפי דעם איינשטעל פון דער איצטיקער וועלט־אָרדענונג, קאָן זיך ניט רעכענען מיט די עטיש־יידישע ווערטן פון תנ"ך און משנה. עס קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אַז דווקא אין מדינת ישראל זאָלן יידן פאַרלירן זייער ספּעציפישקייט. יידישקייט אין די תפוצות איז מחייב צו אַן אייגנאַרטיקן לעבן, ביי זיך אין לאַנד לאַוו דווקא.

מיר דאַרפן דערקלערן אָפן און קלאָר: די תפוצות זיינען ניט קיין צופעליקייט, פאַרקערט גאָר, דאָס ראַנגלעניש מיט דער אַרומיקער פרעמדער קולטור אין די תפוצות איז אַ טייל פון יידישקייט, פון יידישן וועלט־באַנעם. מיר דאַרפן ניט זיין אָפּאָלאָגעטיש, וואָס מיר וואוינען ניט אין מדינת ישראל. מיר דאַרפן זאָגן קלאָר: מיר זיינען דאָ, ווייל מיר מיינען אַז יידישקייט איז אַן אידייע, וואָס קאָן ווירקן אומעטום, קאָן געדייען איבער גאָר דער וועלט וואו נאָר אַ קיבוץ יידן געפינט זיך. די יידן, וואָס האַלטן, אַז דאָס יידישע פאָלק, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, באַשטייט פון אַ קיבוץ, וואָס וואוינט אין איין לאַנד, אונטער איין פאָן, רעדט איין שפּראַך, ווייל אַן אמת פאָלק מוז זיין איינהייטלעך: די דאָזיקע יידן דאַרפן שטרעבן צו פאַרלאָזן די תפוצות. ווען זיי בלייבן אין די תפוצות דאַרפן זיי איינשטעלן זייער לעבן ווי מען שטעלט איין אַ לעבן אין אַ צייטווייליקער דירה — דירת ארעי. מיר אָבער, די

יידישיסטן, האַלטן אַז די תפוצות זיינען ניט קיין צייטווייליקע דירות.

אין איצטיקן מאָמענט שטייט מדינת ישראל איז צענטער פון אונדזער אויפמערקזאַמקייט און זאָרג. אָבער מיר דאַרפן באַטאָנען, אַז עס איז אַזוי, ניט ווייל מדינת ישראל איז דער איינציקער עכטער יידישער ישוב, נאָר ווייל מדינת ישראל געפינט זיך אין אַ נויט. ווען וועלכער עס איז יידישער ישוב געפינט זיך אין אַ סכנה און אַ נויט, ווערט ער דער צענטער פון אונדזער אויפמערקזאַמקייט. אָבער די כנסת ישראל איז גרעסער פון וועלכן עס איז יידישן ישוב, זי איז מער פון וועלכן עס איז געאָגראַפישן פונקט.

וועלן מיר אָפּן אָננעמען דעמדאָזיקן באַגריף פון כנסת ישראל וועט עס אונדז העלפן צו פאַרטיפן אונדזער יידיש לעבן. עס וועט זיך אָפּטאָן פון אונדז דאָס געפיל פון הילפלאָזיקייט, נוצלאָזיקייט און צייטווייליקייט. מיר וועלן ניט דאַרפן שטיין שטענדיק מיטן היטל אין האַנט און אַנטשולדיקן זיך פאַר אונדזער לעבן און שעפערישקייט אין די תפוצות.

דאָס באַטאָנען, אַז די תפוצות זיינען אַ טייל פון יידישער גייסטיקער מדינה, וועט אויך העלפן אָפּשוואַכן אונדזער פאַרשפּיצטן נאַציאָנאַליזם, וואָס, איך מיין, איז אַ סכנה פאַר אונדזער גייסטיקן און פיזישן קיום.

דריטנס: יידישיסטישע שולן דאַרפן אַריינגעשטעלט ווערן אין דער ראַם פון בית מדרש און רעליגיע. אוודאי איז דאָס די שווערסטע זאַך פאַר אונדזערע ראַדיקאַלן. ווי נאָר אַ יידישער ראַדיקאַל דערהערט דאָס וואָרט רעליגיע אָדער אמונה, ווערט ער אַ פאַרציטערטער. ביי אים מיינט עס נאָר איין זאַך — די פאָלקס־אמונה פון קליין שטעטל, וואָס האָט געהאַלטן, אַז יעדער קער און ווענד פון מענטשן איז אָפּהענגיק פון אַ בייזן גאָט. ער, דער אייבערשטער זיצט אויף זיין כסא הכבוד און היט אָפּ צי אַ ייד שניידט די נעגל בסירוגין צי נישט. אונדזערע פריידענקער קעמפן נאָך אַלץ מיט דעם משגיח פון דער ישיבה, וואָס האָט ניט געלאָזן לייענען קיין טריף פסול, אָדער מיטן טאַטן וואָס האָט געפּאַטשט פאַרן טראָגן אין קעשענע אַ נאָזטיכעלע אום שבת. זיי פאַרשטייען נאָך אַלץ ניט אַז „פאַר אַ גאַר גרויסער און וואָגיקער צאָל מאָדערנע מענטשן, איז רעליגיע קודם כל אַ באַדייטונגספולער סאָציאַלער און עטישער פענאָמען, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר דעם היסטאָרישן אויסדרוק פונעם וועלטבאַנעם פון אַ באַשטימטער גרופּע" (דר. ש. מאַרגאָשעס). פאַראַן אַנדערע, ווי למשל פּראָפ' יוליוס גוטמאַן, וואָס האַלטן, אַז יידישקייט האָט אין זיך אַ וועלט־אידייע, אַן אייגענאַרטיקע וועלט־אידייע, וואָס איז פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן פון גרויס וויכטיקייט, הן אין דער באַציאונג צו גאָט הן אין דער באַציאונג צו דער מענטשהייט.

די יידישיסטישע שולן דאַרפן ווערן בתי־מדרשים. פאַר די סעקולאַריסטן, וואָס גנבענען זיך אַריין אין בית מדרש, וועט שטיין אַן אָפענע טיר. עס וועט אויך זיין אַ באַרעכטיקונג פאַר די רעליגיעזע לימודים פון דער שול־פּראָגראַם. עס וועט ניט זיין קיין בר־מצוה לשם אַריינקריגן יינגלעך, עס וועט זיין אַ בר־מצוה, וואָס דער צערעמאָניאַל, צום ווייניקסטן, וועט דורכגעפירט ווערן אין שול גופא. אַן עונג־שבת וועט ניט זיין גלאַט אַן אַבסטראַקטע צערעמאָניע ניט צוגעבונדן צו אַ קאָנקרעטן שבת, נאָר ער וועט זיין צוגעבונדן, פאַר די וואָס ווילן בייזיך אַ קבלת שבת.

נאָך אַ וויכטיקע ענדערונג וועט אַריינברענגען דאָס פאַרוואַנדלען די

שולן אין בתי־מדרשים. יידישקייט וועט ביי די סעקולאַריסטן אויפהערן צו ווערן אַ מוזיי־יידישקייט. ס׳איז ממש קאָמיש צו זען ווי אונדזערער אַ ייד, שטייט שבת אָן אַ היטל און רויכערט, פאַרשטייט זיך אַ גלאַט ראַזירטער, און רעדט מיט פאַראַכטונג און מיט כעס וועגן די גאַנצע רעפאָרמער און האַלבע רעפאָרמער — די קאָנסערוואַטיווע; פאַר אים איז עס אַ פאַרוואַסערדיקטע יידישקייט. באשר בכן זיי פירן זיך ניט אויף ווי שטרענגע אָרטאָדאָקסן — עס איז ניט קיין קאָפּיע פון דער בית־מדרש הנהגה פון דער קליין־שטעטלדיקער יידישקייט.

דער טענות־האָבער אַליין היט גאָרניט ניט אָפּ... ביי אים איז רעליגיע אין יעטוועדער פאָרעם — טריף. אלאָ וואָס? אַמאָל פאַרבענקט זיך אים נאָך זיינע יונגע יאָרן און טעג. יעמאָלט וויל ער דווקא אַ יידישקייט ווי ער האָט געזען אין זיין קינדהייט. ביי אים איז די יידישקייט ניט קיין לעבעדיק וועזן, וואָס אויף אים איז חל דאָס געזעץ פון עוואָלוציע. ביי אים איז יידישקייט אַ מוזיי־שטיק. ווען די סעקולאַריסטן וועלן אָנהייבן אָנפירן בתי־מדרשים און עס וועט ביי זיי אויפקומען די פראַגע פון טאָג־טעגלעכער פראַקטישקייט פון יידישער רעליגיע, וועלן זיי ניט זיין אַזוי צוריקגעשטאַנען און מורא האָבן פאַר יעדן שינוי. די דאָזיקע סעקולאַריסטן, וואָס גיסן פעך און שוועבל אויף וועלכער עס איז ענדערונג אין יידישקייט און אַליין היטן זיי גאָרניט ניט אָפּ, פאַרשטייען ניט, אַז יידישקייט איז די שטרעבונג צו שלימות, וואָס קומט גאָרניט אָן גרינג. יידן זיינען געקומען צו דער פרושימשער קאָנקרעטיזאַציע פון די נביאים דורך עיבורים, פּיין, זעלישע מאַטערנישן און ראַנגלענישן. נעמען פון גרייטן, צי פון אַלט יידישקייט, צי פון די נייע שטראָמען, קען מען ניט. מען דאַרף אַליין אויף זיך אָנמעסטן יעדן שינוי, יעדן איבערבייט.

אָט די דאָזיקע בתי־מדרשים, אָט די דאָזיקע קהילות וואָלט איך גערופן דווקא מיט אַ העברעאישן נאָמען, ווי עס האָט זיך אַלע מאָל געפירט ביי יידן, „אנשי יידיש", אָדער „אנשי יידישקייט". די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע וואָלט איך אַ נאָמען געגעבן „וועד הקהילות של אנשי יידישקייט". די דאָזיקע קהילות וואָלטן געקאָנט ווערן די היים פון יידיש און יידישיסטן. ניט נאָר יידישע שולן וואָלטן געווען אַרום די בתי־מדרשים פון אנשי יידישקייט, נאָר אין יעדן בנין וואָלט געווען אַ ביבליאָטעק. עס וואָלט געוואָרן די היים פון לערן־חברות, לייען־קרייזן, און די גאַנצע יידישיסטישע קולטור־טעטיקייט פון אַ געגנט וואָלט דאָרטן אָנגעפירט געוואָרן. אַלע קאַמפּיינען — פאַרן יידישן קולטור־קאָנגרעס, פאַר דעם ייוואָ, פאַרן יידישן ווערטערבוך, דעם חודש פאַרן יידישן בוך, די געלט־זאַמלונגען פאַר מדינת ישראל, די פּיאָנערן פרויען, די הדסה — אַלץ וואָלט דאָרטן געווען.

היסטאָריש גענומען איז קיין מאָל ניט געווען ביי יידן קיין קהילה־לעבן אָן די צוויי אינסטיטוציעס: בית המדרש און בית־עולם. קרקע האָבן די סעקולאַריסטן אָנגענומען, דעם בית מדרש ניט.

אין אַזאַ צענטער, וואָס וואָלט אַרום זיך אַרומגעקליבן אַלע יידישיסטישע יידן, וואָלט מען ניט געהאַט קיין חדר־שול — אַ שול מיט איין לערער. מען וואָלט געקאָנט דאָרטן האָבן אי אַ טאָג־שול, אי אַ נאָכמיטאָג שול, אי אַ זונטאָג־שול און אַפילו אַ רעגיאָנעלע מיטלשול. יידישיזם וואָלט געוואָרן אַ טייל פון כנסת ישראל. איצט איז עס אַ שטראָמעלע, וואָס לויפט אין אַ זייט

**און** פאַלט ניט אַריין אין גרויסן ים **פון** יידישקייט.

איך ווייס די שוועריקייטן. מיר זיינען אָרעם אין כוחות. ניט נאָר האָבן מיר ניט קיין יידישיסטישע אינטעליגענץ, וואָס איז מסוגל אָנצופירן מיט אַזעלכע בתי־מדרשים־צענטערס. נאָר מיר האָבן גאָר ווייניק לערער. די לערער מיט גרויס יידישן וויסן ווערן עלטער. די נייע לערערס קאָנען ווייניק און זיינען ווייניק אין צאָל. ביי אונדז איז איצט אַ יש אַ געהילף־לערער אָדער לערערין אָדער גאַנצער לערער, וואָס איז אַ גראַדואַנט פון איינער פון די וועלטלעכע מיטלשולן. מיר האָבן שוין דערלעבט אַ צייט אַז דער „פרינציפאַל" פון אַ יידישיסטישער זונטאָג־שול, קאָן ניט שרייבן און לייענען קיין יידיש, קאָן ניט ריידן קיין יידיש נאָר ער פאַרשטייט יידיש.

מיר יאָגן זיך נאָך פאָזיציעס. מיר כאַפן אַ לערער, וועלכן עס איז לערער, און אַ לאָקאַל, וועלכן עס איז לאָקאַל, און מיר עפענען אַ שול, וועלכע עס איז שול אין די נייע געגנטן, וואו אונדזער יוגנט האָט זיך אַריבערגעקליבן. ווען עס געלינגט אונדז דאָרטן צו עפענען אַ דריי־טאָגיקע שול, זיינען מיר אין זיבעטן הימל. ביי אונדז איז אויך רעכט אַ שול אין די צימערן פון אַ פאַבליק־סקול, וואו עס איז אוממעגלעך אָנצופירן די אַרבעט אַפילו אויף אונדזער אַלטן שניט. ביי אונדז איז אויך רעכט אַ זונטאָג־שול. מ'שטיינס געזאָגט וואָס פאַר אַ ווירקונג אונדזער יידישיזם קען דאָרטן האָבן. וואָס פאַר אַ פאַרמעסט איז עס מיט די נייע רייכע גוט אויסגעשטעלטע צענטערס, וואָס ווערן אָנגעפירט פון געשולטע פונקציאָנערן?

מיר דאַרפן דערפאַר איצט רעאָרגאַניזירן אונדזערע שולן און אויסנוצן דערווייל אויפן בעסטן אופן אונדזערע אָרעמע כוחות. מיר דאַרפן אויפגעבן די קליינע שולכלעך אין די קראָמען, אין די קעלערן, אין די איבערשטיבלעך, אין די פאָבליק־סקולס, וואָס פאַרשלינגען אַ שלל מיט געלט און כוחות. מיר דאַרפן גרינדן עטלעכע, אויב נייטיק טאַקע געציילטע מוסטער קהילה־שולן „אנשי יידישקייט" ווי עס איז פריער אָנגעצייכנט געוואָרן. אין די געציילטע אינסטיטוציעס וועלן מיר אָנשטעלן די בעסטע לערערס אונדזערע, די לערערס מיט די גרויסע יידישע ידיעות, די טיף־איינגעוואָרצלטע יידן. עס טאָרן מער ניט זיין ביי אונדז קיין שולן־חדרים, שולן מיט איין לערער. די דאָזיקע לערער וועלן קענען אָנהייבן איינפירן אַ פלאַנירטע, גרויסע קולטור־אַרבעט אין די ראַמען פון אמונה־יידישקייט.

יאָ, ס'איז אַ געוואַגטער פלאַן. עס איז אַ נייער וועג, אַ טאָטאַלער איבערבראָך מיט אונדזערע אַלטע געוואוינהייטן. אָבער מיר רופן זיך דאָך ראַדיקאַלן, מיר זיינען דאָך די וואָס האָבן זיך ניט אָפגעשראָקן איבערצוברעכן מיט דעם אַלטן לעבן. איז פאַרוואָס זיך שרעקן פאַר אַ שינוי?

לאָמיר זיך אויפהערן צו נאַרן. די יידישיסטישע שולן איצט גייען ניט אונטער, נאָר זיי צעפאַלן זיך. אַלץ וואָס ס'איז איצט אונדז געבליבן איז די שאָלעכץ פון אָרגאַניזאַציע. דער תוך פעלט. מיר האָבן נאָך שיריים פון אַ יידישיסטישן עולם. לאָמיר ניט פאַרשפילן דאָס וואָס עס איז אונדז געבליבן. וואָלטן מיר אָנגעהויבן אַ רעאָרגאַניזאַציע פון אונדזער יידישיסטישן שולוועזן מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, אָדער אַפילו מיט פופצן יאָר צוריק, וואָלטן מיר איצט פאַרמאָגט אַ טיף יידישיסטישע באַוועגונג און אַ שיינעם פאָלקסלעבן. איצט איז נאָך אויך ניט צו שפעט. אָבער די שאַנסן ווערן לענגער און לענגער. לאָמיר עס געדענקען.

# אַ נאָכוואָרט ספּעציעל פאַר דער סעריע געדרוקט אין „די פּרעסע" אין אַרגענטינע

די סעריע „דער גורל פון די יידישע שולן" איז געשריבן געוואָרן פאַר די טוער פון ד יידישיסטישע שולן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די סעריע פּאַסט אויך פאַר אַרגענטינע, ווייל מיר דוכט זיך אַז פאַר די יידישיסטישע שולן פון אַרגענטינע שטייט פאַר די זעלביקע צוקונפט אויב די טוער וועלן זיך ניט כאַפּן אין צייט.

אין פלוג זיינען די אומשטענדן אַנדערע אין די צוויי לענדער, ביי אונדז, דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז די יידישיסטישע שול־באַוועגונג די פאַרוואָרלאָזטע, אָרעמסטע און נעבעכדיקסטע פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס אין יידישן לעבן. אין גאַנץ אַמעריקע אין דער גאַנצער פּראָווינץ, און אויך אין ניו־יאָרק רבתי, זיינען אפשר פאַראַן ניט מער ווי פינף־זעקס פאָלקס־שולן, וואָס באַשעפטיקן מער ווי איין לערער. קיין איין און איינציקע יידישע פאָלקשול אין גאַנץ אַמעריקע באַשעפטיקט ניט מער ווי דריי פולע לערער. דאָס רוב שולן געפינען זיך אין קראָמען, אין קעלערס און אין צוויי־צימערדיקע לאָקאַלן, פאַרשטיקטע און ניט קיין פאַרפוצטע.

קיין איין און איינציקע יידישיסטישע פאָלקשול האָט ניט קיין שפּילפּלאַץ אַרום איר דירה, אָדער אַ רעכטע ביבליאָטעק, אָדער אַ זאַל, וואָס מען זאָל קאָנען מאַכן באַקוועם אַ גרעסערע פאַרזאַמלונג פון עלטערן און קינדער, אָדער אַפילו בלויז פון די קינדער און זייערע געסט. ט'איז דאָ איין שלום־עליכם שול, וואָס האָט אַ גראַנדיעזן בנין, האָט די שול ווייניקער ווי פופציק קינדער.

די לערערס פון די יידישיסטישע שולן זיינען על פּי רוב עלטערע מענטשן, מידע און פול מיט יאוש. זיי אַלע האָבן גרויסע און טיפע יידישע ידיעות און גאָר אַ פיינע אַלגעמיינע בילדונג, אָבער זיי האָבן ניט וואו אויסצונוצן זייער פאַכמאַנשאַפט און קענטשאַפט. זיי דאַרפן לערנען מיט אָנפאַנג־קלאַסן קמץ אלף אָ, און זיי זענען גליקלעך, ווען זיי האָבן אין זייער פאָלקשול אַ גראַדויר־קלאַס פון פינף קינדער. צען־צוועלף קינדער אין אַ גראַדויר־קלאַס איז אַן אוצר. און אַ גראַדויר־קלאַס רעכנט זיך פאַר גאָר אַ גרעסטענעם אויב די גראַדואַנטן קענען פאַר זיך אַליין לייענען „מאָטל פּייסי דעם חזנס" פון שלום־עליכם. אַן אויפטו!

די מיטלשולן סיי פון אַרבעטער־רינג סיי פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט און סיי פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד צעפאַלן זיך, ווי איר האָט עס געזען אין די אַרטיקלען. די העכערע קורסן, וואָס דער אַרבעטער־רינג און דער שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט האָבן אָנגעהאַלטן פאַר זיך זיינען שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. ס'איז דאָ אַ לערער־סעמינאַר, וואָס איז אָפן אין די אָוונטן. דער דאָזיקער לערער־סעמינאַר איז אַ ספּעציעלע טראַגעדיע. שוין קרוב צוואַנציק יאָר, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט געקראָגן אַ טשאַרטער פון דער רעגירונג צו עפענען זיך ווי אַ קאָלעדזש. די גאַנצע יידישיסטישע

באַוועגונג האָט ניט געהאַט דעם כוח ביז איצט צו שאַפן די הונדערט טויזענט דאָלאַר, וואָס איז נייטיק איבערצוביען די אינסטיטוציע און איינשטעלן קורסן, וואָס דער שטאַט זאָל האַלטן אַז דער אנשטאַלט זאָל זיין ראוי צו ווערן אַ קרעדיטירטע אינסטיטוציע. לערנט מען ביז איצט אין די אָוונטן. די סטודענטן צאָלן פאַר די קורסן. שטעלט זיך פאַר אַליין, וואָס פאַר אַ חשיבות אַזאַ אינסטיטוציע קאָן האָבן און וואָס פאַר אַ יידישע געלערנטע זי קאָן אַרויסלאָזן.

דער לערער־סעמינאַר איז אונטערן אויפזיכט פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, וואָס שאַפט מיליאָנען דאָלאַרס פאַר מדינת ישראל, און ווערט געשטיצט פון אַרבעטער־רינג, וואָס בויט קולטור־הייזער אין מדינת ישראל. אָבער פאַר זיך דאָ פעלן פרוטות.

איז קאָן זיך דאָך דוכטן, אַז איר אין אַרגענטינע, כלפּי אונדז זייט קולטור־מיליאָנערן. איר האָט שולן, וואָס יעדע איינע פון זיי באַשעפטיקט צענדליגער לערערס און ביי אייך זיינען פאַראַן שולן, האָבן מיר דאָ געהערט, וואָס ווערן באַזוכט, יעדע איינע פון זיי, פון הונדערטער קינדער. מען האָט אונדז דאָ דערציילט, אַז איר פאַרמאָגט אַ שול מיט איבער טויזנט קינדער. היינט איז ביי אייך פאַראַן אַ קינדער־גאָרטן, וואָס איז דער מוסטער פון גאַנץ אַרגענטינע. דער אַלגעמיינער שול־וועזן קומט זיך ביי אייך לערנען ווי אַנצופירן מיט אַ קינדער־גאָרטן.

היינט אייערע שול־בנינים! מען האָט אונדז דאָ איבערגעגעבן אַז אייערער אַ פּרינציפּאַל פון אַ יידישיסטישער שול וואוינט גאָר אין אַ פּאַלאַץ, אויפגעבויט איבער אַ שול.

איר האָט אויך, ווי מען האָט אונז אינפאָרמירט, אַ געהויבענעם לערער־סעמינאַר מיט אַ פולן פיר־יאָריקן קורס. אָט ליגט פאַר מיר גאָר אַ פיינער טעקסט־בוך, וואָס איר האָט אַרויסגעגעבן „יידישע געשיכטע אין לעקציעס” פון מ. שענדעריי. פאַר אַזאַ טעקסטבוך דאַרפן דאָך זיין סטודענטן, וואָס יכולען.

דאָך דוכט זיך מיר, אַז איר גייט אויף דינעם אייז. לויט אַ סך פריוואַטע בריוו, וואָס איך האָב דערהאַלטן פון לערערס און טוערס, האָט איר אויך ניט קיין יוגנט. אייער יוגנט רעדט שפּאַניש און איז אָפּגעפרעמדט פון יידישן לעבן. זי אינטערעסירט זיך ניט מיט קיין יידישער קולטור און די בעסטע ווערן אַקטיוו אין אַלגעמיינעם קולטורעלן לעבן פון לאַנד.

ביי מיר איז עס ניט קיין חידוש, ווייל איך האַלט אויך אייערע יידישיסטישע שולן, ווי די גאַנצע יידישיסטישע באַוועגונג, לעבן אויף שיריים פון יידישקייט. איר מאַכט דעם גרונט־טעות, וואָס מיר האָבן דאָ געמאַכט. איר נעמט אָן בלויז די אַבסטראַקציע פון יידישקייט און איר קאָנקרעטיזירט זי ניט אין טאָג־טעגלעכע מעשים. איר האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט פון דער הויפּט יידישער אינסטיטוציע — פון דעם בית־מדרש, וואו יידישער קהלשער לעבן ווערט אָנגעפירט.

אָן אַ בית־מדרש, ס'מאַכט ניט אויס וואָס פאַר אַ פאָרמע ער זאָל ניט אָננעמען, איז ניטאָ קיין יידיש לעבן. אָן אַ בת־מדרש זיינען ניטאָ קיין סאַנקציאָנירטע טעג — שבת, יום־טוב, טרויער־טעג, משפחה־יום טובים, חתונות, אַ נאָמען געבן אַ קינד, בר־מצוות, יאָרצייטן, נאַציאָנאַלע פייערטעג און אָנגעהעריקייט צו אַ יידישן כלל.

צוויי אינסטיטוציעס זיינען געווען ביי יידן וואָס האָבן אויפגעהאַלטן יידישקייט: בית מדרש און קרקע. בית מדרש איז אָן עלטערע אינסטיטוציע. קרקע האָבן מיר, סעקולאַ־

ריסטן, אָנגענומען, דעם בית מדרש ניט.

דערציט איר אַ דור, ווי מיר דאָ, אויף אַבסטראַקציעס — מען דאַרף קענען יידיש. צוליב וואָס? מען דאַרף זיין באַקאַנט מיטן יידישן שבת, מיט יידישע יום־טובים, צוליב וואָס? אויב מען האַלט ניט, אַז מען דאַרף זיי אָפּהיטן אין וואָס פאַר אַ פאָרמע.

פאַרלאָזט זיך ניט אויף נאַציאָנאַליזם, וואָס האַלט פון אַן אייגן לאַנד. מיט קיינע פאָרמעס פון נאַציאָנאַליזם קאָן מען ניט אויפהאַלטן קיין אייגע־נעם אייגנאַרטיקן לעבן אין די תפוצות. לשון און די אַבסטראַקציע פון נאַציאָנאַלער קולטור זיינען ניט גענוג אויפצוהאַלטן וועלכע עס איז עטנישע גרופּע אין דער פרעמד. ביי אונדז דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז ניט געלונגען קיין עטנישער גרופּע, פון די שטאַרקסטע פעלקער, אויפצוהאַלטן איר אייגנאַרטיקייט. בלויז צוויי גרוּפּעס האַלטן אָן זייער אידענטיטעט נאָכן דריטן און פערטן דור — די יידן, ווייל זיי האָבן זיך אָריענטירט אויף אַן אידעע, און די נעגערס צוליב זייער קאָליר. די פּאָליאַקן, די פראַנ־צויזן, די דייטשן, די סקאַנדינאַווישע פעלקער, זיינען פאַרשוואונדן און האַל־טען דאָ אין פאַרשווינדן. די רייכסטע קולטור פון אַ היימלאַנד קאָן ניט געבן קיין באַרעכטיקונג פאַר אַ באַשטימטער מאָס איזאָלאַציע, וואָס איז נייטיק צו פירן אַן אייגנאַרטיקן לעבן. זאָל דאָס אייך דינען ווי אַן ענטפער צו די גלות־פאַרלייקענער און צו די וואָס האַלטן ניט פון דאָאיקייט.

יידישקייט איז אַן אידעע, אָבער אַן אידעע וואָס האָט זיך קאָנקרעטיזירט אין מצות מעשיות. איך וואָלט גע־זאָגט, אַז אַ גרופּע, וואָס האַלט ניט פון בית מדרש, שבת, יום־טוב און היט אָפּ בלויז מילה, מוז סוף כל סוף פאַרשווינדן און זיך אַסימילירן. אַ גרופּע, וואָס וויל המשך, מוז נעמען אַ שטעלונג צו די אויבן דערמאָנטע יסודות. אָן אַ בית מדרש קאָן ניט זיין קיין קהלשער לעבן און מע האָט ניט קיין גייסטיקע היים וואוהין צו ברענגען קינדער. אָן וועלכער ס'איז פאָרמע פון כשרות קאָן ניט זיין קיין באַשטימטע אָפּגעזונדערטקייט. אָן שבת און יום־טוב קאָן ניט זיין קיין יידישע קדושה אין טאָג טעגלעכן לעבן.

וואָס פאַר אַ בית מדרש? וואָס איז דער עיקר פון כשרות? ווי אַזוי דאַרף מען אָפּהיטן שבת? דאָס זיינען באַ־זונדערע פּראָבלעמען, וואָס דאָ איז ניט דער אָרט עס צו באַהאַנדלען. דער עיקר איז: אַ יידישער שולוועזן קאָן עס ניט איגנאָרירן. איגנאָרירט מען די דאָזיקע עיקרים קאָן יעדעס געווינלעכע ווינטל אומוואַרפן דעם גאַנצן בנין.

אַ יחיד קען אַמאָל איגנאָרירן אַלע יידישע מצוות מעשיות און בלייבן אַ ייד און אַוודאי זיך פאַררעכענען פאַר אַ ייד. אַ גרופּע, אַ קהל, וואָס פאַר־מירט זיך אויפצוהאַלטן יידישע אייגנ־אַרטיקייט קאָן ניט איגנאָרירן די יסו־דות פון יידישקייט און בלייבן לאַנג שעפעריש.

איר, אַרגענטינער יידן, זעט, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט אונדזער יידי־שיסטישער שולוועזן דאָ ביי אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן נאָך פערציק יאָר עקסיסטירן, אפשר וועט עס זיין אַ וואָרנונג פאַר אייך.

איך האָף, אַז יאָ. אויף מיין באַ־שיידענעם וועג גיב איך אָן אַ פּראָ־גראַם, אַ פּראָגראַם, וואָס איך מיין, קאָן נאָך אַפילו איצט ראַטעווען דעם יידישיסטישן שולוועזן אין אַמעריקע. ביי אייך זיינען נאָך די שאָטנס ניט אַזוי לאַנג — איר קאָנט נאָך מער אויפטאָן מיט דער פּראָגראַם ווי מיר דאָ.

און איצט מיינע טייערע יידן פון

אַרגענטינע, זייט מיר מוחל פאַר מיינע
שאַרפע און אָפענע רייד. נאָך אַלעמען
בין איך ביי אייך אין לאַנד קיין מאָל
ניט געווען. אָבער וועגן דעם אַמערי־
קאַנער שולוועזן רייד איך ווי אַן אינע־
וויניקסטער מענטש. שוין קרוב דריי־
סיק יאָר אַז איך בין אַקטיוו אין דער
יידיש־וועלטלעכער דערציאונג. אויך
איצט שטיי איך ניט פון דער ווייטנס.

איך פיר אָן מיט אַ שלום־עליכם שול,
פּרובירן זי פירן אויף מיין וועג. דאָס
וואָס איך דערצייל אייך דאָ איז פון
פערזענלעכער דערפאַרונג און איבער־
לעבונג. די ידיעות וועגן אַלע יידי־
שיסטישע שולן זיינען די ידיעות פון
אַן אינעווייניקסטן מענטשן.

ז׳ אייר תשט״ז

פאַר דעם אינהאַלט פון קונטרס זיינען די אַרויסגעבער נישט פאַראַנטוואָרטלעך

יעדער איינער מעג עס איבערדרוקן

דער אַדרעס פון מחבר :

**DR. S. SIMON**
**215 EAST 43 STREET**
**BROOKLYN 3, N. Y.**

די הכנסה פון דעם קונטרס געהערט צו שלום עליכם פאָלקס שול נו׳ 15

**174 East 51 St., Brooklyn 3, N. Y.**

ISBN:0-657-03317-0

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press, 37 East 18th St., New York, N. Y.